STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03380

SONETN

Mani Leib

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פארלאג
די
גאלדענע
פאווע

מאַני לייב

סאָנעטן

MANI LEIB - SONNETS

PRINTED IN FRANCE. IMPRIMERIE ABÉCÉ, 21, RUE JULIETTE-DODU, PARIS X[e]
COPYRIGHT BY DI GOLDENE PAVÉ (GOPA), 49, RUE REAUMUR, PARIS 3[e]

מאַני לייב

1953 - 1883

מאני לייב

סאָנעטן

פארלאג די גאלדענע פאווע
פאריז 1962

I

פון מיין היגל

דו האָסט מיר צוגעטיילט די פולע זעט פון יאָרן,
די קרוין פון עלטער — שטאָלצן זילבער אין די האָר;
די ראיה פון אַן אינד אַרומצונעמען קלאָר
פון היגל, וואו איך שטיי ביים שימער פון זכרון:

דעם טאָל, די אָפּגרונטן, וואו איך בין דורכגעפאָרן
מיט מיינע רייטוועגן פון שפּראָץ פון מיין קאַיאָר
דורך רויטן זומער, גאָלדן האַרבסט, ביז ווייסער וואָר
פון ווינטער-טעג, ווען זייער ראָד האָט איינגעפראָרן

די קנייטשן אויף מיין שטערן פון דערקענטער פּיין,
פון דורכגיין אויף דיין ערד און פון דער טרייסט פון אַנען,
אַז אומעטום דיין חסד איז מיר בייגעשטאַנען;

אַז ווי דיין האַנט, וואָס פירט די זון אין טאָג אַריין, —
אַזוי האָט אויך דיין האַנט געשטאַרקט מיין אַלטן פליגל,
דערהויבן מיך צו לויבן דיך פון מיין דערגרייכטן היגל.

ווערטער

אַפּט קומען רגעס ווי אַ בליץ, און שרפֿען
דאָס האַרץ, וואָס ליגט צונויפֿגעדרייט און פֿויל,
גלייך ווי אַ שלאַנג אַ קראַנקע, אין אַ קנויל.
דאָס האַרץ שפּרינגט אויף אין אַנגסט און ווייטיק שאַרפֿן,

פֿאַרוואונדיקט דורך און דורך, און נעמט זיך וואַרפֿן
פֿון אַנגסט און פֿרייד פֿאַרפֿלאַמט ביז רויטער קויל.
און דעמאָלט קומען ווערטער פֿאַרן מויל,
וואָס זינגען אויף ווי אַ געזאַנג פֿון האַרפֿן.

דאָס זיינען ווערטער פּראָסטע, וואָס זיי שימלען
אין שטומען פֿאָלק, אין מיסטן פֿון יריד;
איצט זינגען זיי דערהויבן אין אַ ליד

און הילכן אָפּ אין אַלע זיבן הימלען;
און הילכן אָפּ אין פֿאָלק, וואָס שטייט פֿאַרזאַמלט
און זאָגט זיי פֿאַרכטיק נאָך און שטאַמלט.

דער פּיטן

זאָל שרייענדיקער שטאָל און גרויער שטיין פאַרבייטן
דאָס גרינע גראָז; דער בראַזג פון האַמער און פון צוואַנג
און רוישן פון דעם ראָד — דאָס פייגלשע געזאַנג;
דער גרילץ פון זעג — די זומער־גריל; דעם פרומען פּיטן —

דער סוחר. און ווי אין די אור־ און ערשטע צייטן
דאָס גראָז וועט דורכן שטיין אַרויסשפּאַרן זיין זאַנג
אינאיינעם מיט דער גריל; און איבער דעם געקלאַנג
פון שטאָל — דער פויגל וועט פאַרקלינגען אַלע ווייטן.

און אויך דער פּיטן: פרום, פון טומל פונעם מאַרק,
פון האַנדל־האַוועניש און דעם גערויש פון רעדער
וועט ער זיך שאַרן שטיל מיט פאַרמעט, טינט און פעדער

צו הייליקייט פון וואָרט, וואָס איז אין שפלות שטאַרק, —
צו האָפטן תפילות פאַר דער וועלט: מיט גאָט פאַרקניפּן
דאָס האַרץ, די שווערמוט אויפבינדן אויף שטומע ליפּן.

זיי

זיי זיינען דאָרט, אוי, גאָט, געווען אַ סך, אַ סך,
אַזעלכע לעבעדיקע און אַזעלכע בראַווע,
אַזעלכע שטאָלטנע, בערדיקע און קוטשעראַווע —
און מיט אַ וואונדערלעכער אויסטערלישער שפּראַך.

און זינגען פלעגן זיי פון אונטער יעדן דאַך
אַזעלכע האַפערדיקע לידער און טשיקאַווע:
פון מלך אלי־מלך און דער שיינער פּאַווע,
מיט מעביר־סדרה טראָפּ און צימבלען פון תנ"ך.

נאָר איבער זייער קאָפּ — די זון האָט נאָך געזען
די רויע גוואַלד, דעם קאַלטן מעסער ביים רוצח,
ווי ער איז איבער זיי אַראָפּ, מיט ווילדן כח,

און ס'אַרא מערדעריי איז דאָרט געווען!
איצט זענען זיי אַ זכר נאָך פון יענער גוואַלד:
אַ צוויי־דרייביימער פון אַן אויסגעהאַקטן וואַלד.

צו וועמען ?

מיר האָבן לאַנג געוואַרט מיט תפילות אויף דיין קומען,
אַ שטילע עדה יידעלעך מיט פרומע בערד —
אַ, גואל, גוטער גואל אויף דיין ווייסן פערד ! —
און ניט דערוואַרט. מיר זיינען אַלע אומגעקומען,

ווי צאַן־קדשים אָן אַ ווידוי־וואָרט אַ שטומען,
אין בראַנד פון שונאָס קאַלך־אויוונס און שווערד.
און אונדזער מיסט און אַש האָט אונדזער מאַמע־ערד
איר גאָב אין די געדערים אירע צוגענומען.

נאָר מיך — אַ קליין, קליין יידעלע האָט אויסגעמיטן
דער קאַלך־אויוון, זיין פייער און זיין בראַנד,
און ניט פאַרצערט אויף אַש מיט אַלעמען אין שאַנד,

און ניט דעם שונאָס קאַלטע שווערד האָט מיך פאַרשניטן, —
צו זיין אַ זכר נאָר — דערמאָנען און פאַרשעמען :
— צו וועמען, גואל, וועסטו קומען היינט, צו וועמען ?

ניטל

די נאַכט וועקט אויף דאָס קופּער פון די גלאָקן.
מיט פאַקלען, פּראַסט און ווייערך וואַכט די שטאָט:
פון טויט שטייט אויף מיט פרידן זייער גאָט.
און מחנות טראָגן אויף אַ הויכן פלאָקן

זיין דמות; און זייער בלינדער שווערער טראָט
טראָגט האָס; און אין די ענגע שטומע שטאָקן
ישראלס קינדער דופּענען צעשראָקן —
אָ, גאָט פון רחמים! — אויף דיין בראָט.

און הינטער טיר און לאָדן זינגט דער שניי.
און ברייטע בלויע הימלען פּראָסטיק בלענדן.
די נאַכט איז פון איר קרוין ביז אירע לענדן

מיט שטערן און מיט רו... נאָר אַ געשריי
רייסט אויף די רו פון אַלע אירע שלעסער:
דאָס שרייט דאָס בלוט אין אַנגסט פאַר זייער מעסער.

זיי לאַכן ...

זיי לאַכן — און איך וויין : פּאָעטן, מיינע ברידער,
די מלכה יידיש שטאַרבט. אַ נייער בייזער האַר
האָט מוטווויליק אויף אונדזער קרוין געלייגט זיין גזר, —
און אונדזער מלכה איז געשטאָרבן אין האַרמידער

פון גאולה, פויקנרויך און שטויב פון האַרץ־לידער.
אָ, ברידער, וויינט. און דעקט מיט אַש די קעפּ אין צער
און ברענגט דער מלכה אין איר קרוין דעם לעצטן שכר :
גראָבט אוים איר קבר און מיט כבוד לייגט אַנידער

די מלכה מיט די פעדערס אייערע, וואָס האָבן
די פּיין פון פאָלק אין פאַרכטעניש און פרום
אויף ריינע פּאַרמעטן פאַרשריבן אין איר רום, —

און זאָל די לאָפּעטע די קאַלטע זיי באַגראָבן ! —
אַז אונדזער פייערפאָלק, דער ברודיקער המון,
זאָל קיינמאָל ניט געפינען דעם שטעג צו אונדזער קרוין.

איסט-בראָדוויי

פון אַלע רייכע גאַסן איז מיר טייער
מיין יידישע פאַרגרויטע איסט-בראָדוויי;
די אַלטע הייזער — צוויי געקרימטע ריי
די איידעלע פאַרשמאַכטע שמייער,

אין צער באַצייכנט מיט גאָטס אַלטן פייער,
וואָס טליעט קוים און לעשט זיך ניט אין זיי,
און די — וואָס שפרייטן הויך דעם וויגעשריי
פון פאָלק אויף ראָגם — נביאים און באַפרייער;

און איר, פיטנים, זינגענדיקע ברידער!
איר האָט דאָס הארץ פון פאָלק געטריי און ריין
פאַרקאַרבט דאָ אויפן ברוד פון יעדן שטיין

אין לידער-תפילות פון אַ נייעם סידור,
אַז יעדער שטיין נאָך אייך וועט לאַנג, נאָך לאַנג
מיט יידן זינגען אייער זיס געזאַנג.

געבענטשט

געבענטשט זאָל זיין די ערד פון אונטער מיינע טריט,
און איבער מיר די זון, וואָס צייכנט מיינע טעג;
די ווינטן און די רוימען, וואָס איך זע זיי ניט,
נאָר ווי דאָס גראָז באַרירן מיך אויף זייער וועג;

דיביימער, וואָס זיי וואַקסן פאַר דער הייסער זעג;
די חיות, שטומע, וואָס איך פיל ווי ברידער מיט;
די פייגל, וואָס זיי רופן צו מיין גרויען ברעג
אַרויף נאָך זייער הויכן פליגל מיין געמיט.

געבענטשט, געבענטשט. נאָר טויזנט מאָל געבענטשט זאָל זיין
פון מיין געבאָרן יענער ערשטער טאָג,
ווען איך האָב אַלדי וואונדער אויף דער וועלט דערזען.

איך זאַמל זיי דורך טעג און וואָרעם זיי און טראָג
צו לייגן זיי ביים קבר, וואו די פיין שלאָפט איין
פאַר גליקלעכע ווי איך, וואָס וועלן קומען ווען.

אויפשריפט אויף מיין מצבה

דאָ ליגט הערש איצי׳ס זון מיט שערבלעך אויף די אויגן,
באַגראָבן אין תכריכים ווי אַ שיינער ייִד,
ער איז אויף אונדזער וועלט ווי אויף אַ יאַר־יריד
אַראָפּ צופֿוס פֿון ווייטן ישוב ניט־געשטויגן

פֿאַרקויפֿן ווינט. ער האָט אויף וואָגשאָל אָפּגעוואויגן
זיין האָב און גוטס אַ סוחר־מוכר אַ ידיד;
און איז צו ליכט־בענטשן אהיים געקומען מיד,
ווען ערשטע שבת־שטערן האָבן שוין פֿאַרצויגן

דעם הימל אויף זיין ישוב איבער אַלע יידן.
איצט ליגט ער דאָ. זיין קבר־ערד מיט גרינעם מאָך
איז אַ מחיצה צווישן אים און גרויער וואָך,

און צווישן טומל פֿון יריד און שבת־פֿרידן.
און היפּשע רעשטן ווינט, וואָס איז נאָך אים פֿאַרבליבן,
האָט ער אין זיין צוואה קינדער אָפּגעשריבן.

II

טעלערלעך פֿון הימל

דו האָסט דעם ערשטן אָנהייב דיינעם אויפגעגנומען
אין דיין פֿאַרליבטער מאַמעס הייסער חופּה־נאַכט;
און פֿון דער ליבער ענגשאַפֿט פֿון איר מוטערטראַכט
ביסטו אַ גאַרנדיקער אויף דער וועלט געקומען

צו ליב האָבן די וואַרעמע און זאַטע פּראַכט
פֿון אירע פֿולע בריסט — די זיסע רויזנבלומען,
וואָס האָבן האָניקמילך געקלערטן צו דיין גומען
ווי אויף צוויי טעלערלעך פֿון הימל דיר געבראַכט.

ביסט מיט דער מאַמעס מילך געוואַקסן שיין און הויך.
ביסט מיט אַ קאָפּ אַ הויכן פֿון דער מאַמען העכער,
און העכער פֿון די מיידלעך, וואָס דו טאַנצסט מיט זיי.

האָסט יעדע מיידל ליב, האָסט ליב דעם הייסן פּעכער
פֿון זייער קלייד, וואָס רייצט מיט האָניקמילך, מיט רויך,
מיט טעלערלעך פֿון הימל צוגעזאָגטע צוויי.

ביים ים

דער שטעג צום ים איז ווייס און אויסגעטראָטן,
און ווייס איז די לבנה. ווי אַ טראָפּן טוי
איין פולער שטערן בלינצלט מיט זיין שאַרפער בלוי
צו קיינעם ניט. און אין מיין טראָט און ווי מיין שאָטן

מיט אַלע שטילע פייערן אין בלוט פאַרקנאָטן
גייט ביי מיין זייט מיין אויסדערוויילטע פרוי.
דער ים איז שטיל. דאָס אויער כאַפּט נאָר אויף, ווי שלוי
זיין שטורמיק האַרץ ליגט אונטער פאַלשער רו פאַרשאָטן.

אויך אין מיין האַרץ איז רו. דאָס וואָרט נאָר זוכט פאַרקניפּן
אַ ליד. — ווער הערט? — אָט ברעכט עס אויף די צוים פון רו
ווי פונעם ים זיין שטורעם. — נאָר עס קומט ניט צו

ניט צו מיין הויכן קול און ניט צו מיינע ליפּן. —
ווער הערט — די פרוי נאָר ביי מיין זייט, — איר איז באַשערט;
איר האַנט גיט צייכנס צו מיין האַנט — אַ צייכן, אַז זי הערט.

ביים שוועל פון גליק

אין יענעם שפּעטן אָוונט האָט אויף אים געוואַרט
אַ פרוי, מיט ליכט פון אַלע פענצטער צו די שטערן,
מיט אַלע זיסע הייסע ריחות פון באַגערן,
וואָס זי האָט אָפּגעהיט פאַרליבט, אין צניעות, צאַרט,

מיט ווייבערשע פאַרבאָרגענע פאַרבענקטע טרערן
פאַר אים אַליין. נאָר ער איז לאַנג און איינגעשפּאַרט
געשטאַנען פאַר אַ צווייטן פענצטער און געשטאַרט
צום פּאַסיק ליכט פון הינטער טונקלע פאַרטיערן,

צו יענער פרעמדער, וואָס זי גנבעט ביי אַ צווייטן
פאַר אים אַ לעפל גליק מיט ביטער־זיסע זינד.
אַט וועט זי באַלד פאַרוויגן יענעם און דאָס קינד

און וועט אַרויס, און וועט אַרום זיין האַלדז פאַרשפּרייטן
דעם צווייטנס שאָדן און די נעץ פון אירע שטריק.
און ער פאַרציט די שטריק ביים שוועל פון יענעם גליק.

פרעמדע

ער איז איר ווי אַ קינד צום האַרצן צוגעפאַלן
אין צער און גרויסן עלנט, מיט פאַרשמאַכטע אויגן;
און מיט זיין הונגעריקן בלוט האָט ער געזויגן
פון אירע אויפגעוועקטע גאָלדענע צוויי קוואַלן

איר טעם פון מילך, און ווי אַ מעסער זיך געצויגן
צו עפענען איר זיסן לייב — אים אויפצופראַלן,
און אויסגיין, אין פאַרקילטן רויג, פאַנאַנדערפאַלן
אין איר, צו איר אין תהום, צוריק אין אירע רויגן.

אין אָוונט מיט די שטערן זיינען זיי געזעסן
ביים טיש. זיי האָבן ביידע פון ברויט געגעסן.
דאָס מעסער אויפן טיש איז צווישן זיי געלעגן.

נאָר ביידנס אויגן האָבן פרעמד זיך אויסגעמיטן,
ווי ס'וואָלט דאָס מעסער זייער קנופּ אויף צוויי צעשניטן
און זיי צעטיילט ווי פון דעם טיש די ביידע ברעגן.

אַ פלוים

אין קילן אָוונט האָט דער באַלעבאָס
פון בוים אַ רייפע פלוים אַראָפּגעריסן
אינאיינעם מיטן בלאַט, און איינגעביסן
די טויאיק בלויע הויט. האָט פון זיין שלאָס

דער שלאָפעדיקער זאַפט געטאָן אַ גאָס
מיט קילן שוים. און צו פאַרשליסן
איר גאַנצן זאַפט — אַ טראָפּן ניט פאַרגיסן —
האָט ער פּאַמעלעך, ווי מען טראָגט אַ כוס

מיט ווייַן, אין ביידע פולע הענט די פלוים
געבראַכט דער ווייב און איידל צוגעטראָגן
צו אירע ליפּן. האָט זי מיט אַ ליבן

„אַ דאַנק" — פון זיינע הענט גענומען נאָגן
די פלוים. ביז אין די הענט איז אים פאַרבליבן
די הויט, דאָס ביינדל און צעקלעקטער שוים.

די קיך

דאָס אויסדערוויילטע ווינקל אין אַ הויז דאַרף זיין
די קיך. ניט יענער זאַטער ווינקל, וואו דו עסט
ביים ווייסן טיש. און ניט די סאַליע, וואו די געסט
באַרעדן פריינט אין ווייכע שטולן ביי דעם וויין

מיט צוקער־לעקעכלעך. און ניט דיין שטילע נעסט
אויף דופטנדיקע פעדערן, וואו דו שלאָפסט איין
ביים ווייסן אַקסל פון דיין ווייב. נאָר קום אַריין
אין קיך און פיל די שלווה פון דיין לעבן. זעסט

דיין ווייב ביים אויוון, ווען דער זאַטער פייער ברענט
מיט זינגענדיקע שמעקעדיקע פולע טעפּ.
זי שטייט פאַררויטלט, אין די בריסט פאַרלייגט די צעפּ,

און קנעט די זיסע קוגלען מיט די קליינע הענט.
און ווען זי זעט דיך אין דער קיך צעשמייכלט שטיין, —
פאַרשעמט זי זיך — אַ כלה־מיידל אין איר חן.

דער טאָפּאָלבוים

אַזאַ רחמנות אויף דעם טאָפּאָלבוים!
ער שטייט פאַרוואָרצלט אויף איין פוס אַליין
און עלנט אויף מיין הויף און קען נאָר גיין
מיט גרינע גאַרנדיקע הענט צום רוים,

וואָס וועלבט און שפּרייט אַרום אַזוי גערוים
נאָר ליידיקייט און עלנטקייט — כאָטש וויין!
נאָר איך האָב זיך געלערנט צו פאַרשטיין:
אַז ליידיקייט פון רוים וואָס רירט זיך קוים,

און קוים נאָר וואָס דאָס הוילע אויג דערקענט,
פאַרנעמט ער הויפנסווייז מיט גאַרע הענט
צו זיך, און שפּינט פון דעם זיין שאָטן אוים:

אַ טאָפּאָלבוים ווי ער, אַזאַ וואָס גייט
אַרום זיין ברייטן קרייז, אָט קליין, אָט גרויס,
און גרייט דעם עלנט טיילן זאַלבעצווייט.

אין נעכט פון פֿאַלשן שלאָף

און נעכט פון פֿאַלשן שלאָף, אין שטילקייט פון די שטערן,
ווען אַלע טעמפּע פּויקן פון דעם טאָג פֿאַרשטילן,
שטייט דער זכרון אויף, טוט אָן די אַלטע ברילן,
און צינדט דאָס ליכטל פון זיין נאַכטיקן לאַמטערן,

און שלייכט זיך שטיל אַרוים, אַז איך זאָל ניט דערהערן.
נאָר איך בין וואַך און הער זיין שאָרן איבער דילן
און שאַר זיך ביי זיין זייט. אין וויטן נאַכטיק בילן
די הינט. — מיר קומען צום בית עולם מיט זיין שווערן

און וואַכן פלויט. מיר קלעטערן דעם פּלויט אַריבער
און פּויזען ביידע צווישן קברים ווי אויף גנבה.
און דאָ באַווייזט ער אויף אַן אָרעמער מצבה:

„דאָ איז פֿאַרקריצט איר נאָמען. וויין". אין יענער טריבער
באַשערטער נאַכט אַ גרויער מלאך איז געקומען
און האָט זי פון איר חופּה גלייך אַוועקגענומען.

דער טויט

איך האָב געזען דעם טויט אין פרעמדע ווייסע ווענט
אויף ווייסע קילע ליילעכער אין אַ שפּיטאָל,
אין ווייסן שיכורדיקן ריח פון קאַרבאָל,
און אין דעם ווייסן פייער, וואָס האָט קאַלט געבלענדט

פון אירע יונגע ציין, ווען זי האָט נאָך געברענט
פאַר מיינע שטאַרע אויגן אין אַן אָרעאָל
פון פיין און שטאַרבן — ביז דער טויט האָט פון זיין שאָל
איר ווייסן אַש אַ שאָט געטאָן אין מיינע הענט.

פון יענער רגע זע איך אויף דער וועלט דעם טויט
אין אַלץ, וואָס לעבט אין ווייס: אין אויפגעווייסטן בליט,
אין מוטערס מילך, אפילו אין דעם טאָג אַליין,

אין זאַלץ אפילו וואָס באַטעמט מיין ברויט;
און ווען דעם פּנים פון דער ערד אַ שניי פאַרציט,
זע איך תּכריכים איבער אירע יונגע ציין.

ווען עפּל פֿאַלן

ווען לעצטע עפּל פֿאַלן פֿון דיביימער,
ווערט אומעטיק די וועלט. דאָס גראָז ווערט געל
פֿון טרויער; קורץ און גרילצנדיק דער טרעל
פֿון דראָסל; און אַ ווינטל אַ געהיימער

פֿאַרבלאָזט צו פֿרי די קרומע זון פֿון שוועל;
און פֿונעם דאַך — אַ שאָטן ווי אַ שומר
וואַרפֿט אויפֿן פֿעלד אויף גרויע־געלע ליימער
און אויף אַ העזל אין זיין גרויער פֿעל

אַ קילן קראַנקן ליכט פֿון זיין לאַמטערן.
און האָרך — אַ פֿאַל: אַ לעצטער עפּל פֿאַלט.
און הויכע שטערן האָרכן וואַך און קאַלט

אין זייער טרויער, ווי פֿאַרקילטע טרערן.
און גרילן וויינען, זאָגן אָן דעם ראָסט
פֿון רויטע קאַלינעס און ערשטן פֿראָסט.

III

אין זיין גנאָד

איך נעם אַ הויפּן ערד, וואָס ליגט ביים פוס צעטראָטן,
איך שמעק עס, נעם עס צו די ליפּן און צערייב
אויף שטויב. — האָט גאָט מיך מיט מיין לעבעדיקן לייב
פון דער אַ נישטער זאַך אויף וואונדער אויסגעקנאָטן,

צו קריכן אויף דער ערד מיט מיין פאַרשעמטן שאָטן,
מיט גיריקייט פון פליש, מיט גלוסטן צו אַ ווייב,
מיט נעגל־ציין: פון אורטעג נאָך אַן איבערבלייב,
פאַר ווענען גאָט געקריצט האָט זיינע ציין געבאָטן?

ניין, ניט פון ערד. פון ווינט האָט ער מיך אויסגעשפּונען,
פון לעבעדיקן אָטעם זיינעם, וואָס ער בלאָזט
פון זיינע נאָזלעכער מיט פליגל הויך צעלאָזט

אַריבער אונדזער ערד, מיט שטערן און מיט זונען,
צו דרייען אייביק, אייביק אין זיין גרויסן גנאָד
פון זיין פלאַמפייערדיקן רייטוואָגן די ראָד.

אַ זון אין גאַנצן מיינע

אַן אַלטער פּעפּער, וואָס איך האָב פאַרשלאָפן
ניט איין קאַיאַר — די לאַנגע לעצטע נאַכט,
ווי אַ געטרייער הונט אין פעלד, וואָס וואַכט
און טרייבט צוריק די שאָף, — וואָס איז אַנטלאָפן,

צוריק אין סטאַדע, — גאָט זאָל מיך ניט שטראָפן —
האָב איך אין באַהעלטעניש צוריק געבראַכט
די שלעכטע שאָף — מיין זינדיקן פאַרדאַכט:
אַז אַלץ, וואָס מיינע אויגן שעפּן אָפּן.

איז ווי פאַר יענעם גאַסט, וואָס איז געקומען
צו קלייבן ברעקלעך פון גאָטס רייכן טיש.
נאָר אָט האָט גאָט אַליין געטאָן אַ וויש

די ברעמען פון קאַיאַר, זיי ברייט צענומען
און זון אַ גאָס געטאָן צו מיין געצעלט,
אַ זון — אינגאַנצן מיינע אויף דער וועלט.

אין לויטערקייט פון טאָג

אין לויטערקייט פון טאָג, מיט אַ געמיט
אַ לויטערן, בין איך אַרויס אַנטקעגן
דעם רוף פון שטאָט, פון טומלדיקע וועגן,
וואו הינטער יעדן ראָג און שטיין, געניט,

פון זיין באַהעלטעניש דער גנב היט
מיט קרומע שלויע אויגן, אָפּצוואַוועגן
די גריים פון יעדן דורכגייערס פאַרמעגן.
בין איך נאָך יענעם רוף מיט לייכטע טריט

אַרויס. מיין גאַנצער אייגנס איז געווען
נאָר פון אַ ליד דאָס יוירן פון אַ קערן:
צי קען פון דעם אַ גנב רייכער ווערן?

האָב איך ביז פריען אָוונט צו מיין פען
געבראַכט אַ פאַרטיק ליד, מיט גאָלד געוואויגן,
און דורכגעטראָגן פאַר דעם גנבס אויגן.

מיין מסורה

איך קום פון שטאַמען צוויי — די עלטער־זיידעס מיינע,
זיי האָבן ווי צוויי שטראָמען אין איין טייך
צונויפגעגאָסן זיך, און זיך צעריסן גלייך
אויף שטראָמען צוויי, אין העק פון יידישער אוקראַינע.

איין שטראָם פון פראָסטע יידן האָט די קינדער זיינע
געהאָדעוועט אויף מערק מיט גויים — פריד צו אייך!
דער צווייטער — ווי די ריינע תורת־אמת רייך —
אויף ספרים אין קאַפּאָטעס אַטלאַסענע, פיינע...

איז וועלכן יחוס מיינעם זאָל איך איבערגעבן
צו מיינע קינדסקינדער? — אַז ווען די שטראָמען צוויי
האָט גאָט צעטיילט, בין איך געבליבן צווישן זיי

אויף וויסטער טריקעניש פון ניט פאַרוואָרצלט לעבן; —
אַז פרעמד בין איך פון מערק ווי פון דער תורה,
און וויסטע טריקעניש אַליין איז מיין מסורה.

גאָטס עדות

גאָטס מעשיות ווי די אַלטע בערד פון זיידעס
פאַר דיינע אויגן וואַקסן פרום אַרויס
פון געלן ספר פון „וועלט־איין, וועלט־אויס“, —
און איך בין זייער וואָרהאַפטיקער עדות.

אין פרייד פון אויסגעמיטענע אבדות,
נאָך באָרוועס, מיט מיין באָרד, מיין שוים
ביז איבער מיינע לענדן אין אַ שמוים:
דאָס האָב איך נאָך מיט יידן קרבן־תודות

געבראַכט צום ריינעם שוועל פון זיין מזבח.
און מיט זיין הייליק פייער פון אַמאָל,
און מיט דעם לוים ציקלדיקן קול,

און מיט דעם קרבנס בלוט — זיין רויך און ריח,
בין איך אין ספר מיט מיין באָרד פאַרקריצט, —
פון אים אַליין פון פעלדז אַרויסגעשניצט.

צום גויאישן פּאָעט

אַ יורש פון שעקספּיר, פון פּאַסטוכער און ריטער,
אַז וואויל און וואויל איז דיר, דו גויאישער פּאָעט!
די ערד איז דיינע, וואו דיין פעטער חזיר טרעט:
זי גיט אים פיטערגראָז און גיט דיין מוזע פיטער.

דו זיץ נאָר ווי דער דראָסל אויף דיין צווייג און צוויטער,
און דיר וועט ענטפערן פון אַלע רוימען העט:
פון פעלד די פולע זעט, די רחבות פון די שטעט,
די פולע שלווה פון געזעטיקטע געמיטער.

און דאָ בין איך, אַ ניט=געדאַרפטער, אַ פּאָעט ביי יידן,
געוואַקסן מיטן ווילד=גראָז אויף ניט אונדזער ערד
פון זיידעס — מידע וואָגלער מיט פאַרשטויבטע בערד, —

וואָס נערן זיך אויף שטויב פון ספרים און ירידן;
און זינגען זינג איך אויף אַ פרעמדער וועלט די טרערן
פון וואָגלער אין אַ מדבר אונטער פרעמדע שטערן.

ריחות

אין אַלטע קלויזן שפּירן זיך אַזעלכע טערפּקע ריחות,
ווי אין אַ טהרה־שטיבל אויף אַ הייליק אָרט:
מיט שימל שמעקט דער כיור און דער קופּער פון דער קוואָרט.
מיט דינעם שטויב און מאָיל דער זיידענער פּרוכת;

די ספרים שמעקן מיט קרבנות און מזבחות
און חלב־ליכט און זיסן יין פון גאָטס וואָרט;
און די געוועלבן מיט די מנורות שמעקן דאָרט
מיט הארבן זאַלץ פון טרערן פון די אַלטע איכה'ס.

נאָר פון די ברודנע טישן שפּירסטו אַזאַ זיסן
באַטעמטן ריח, וואָס פאַרשמעקט דיר אַזוי וואויל,
אַז ס'רינט דיר אין דער באָרד די סלינע פונעם מויל:

דאָס שמעקט אַזוי דער לעקעך־בראָנפן פון בעל־בריתן,
וואָס טיילן נאָכן דאַוונען מיט אַ ברייטער האַנט
פון פּאָליש ביזן אויבנאָן אין מזרח־וואַנט.

קרעמער

ווער קען באַנעמען גאַר דאָס גרויע האַרץ פון קרעמער ? —
זיי ווייזן זיך די ערשטע אויפן קילן ראַג
מיט שליסלען אין די הענט אין גרווילעכן פאַרטאָג,
מיט שלאָף נאָך אויף די אַקסלען, שטילע ווי די לעמער.

און ביי די פּאַליצעס און ביי די זעק און עמער
זיי פאַדען אום פאַרהאַוועט דורכן לאַנגן טאָג,
און ציילן רעשטע, לייגן סחורה אויף דער וואָג,
פאַרדבקעט, ווי די דאַוונער הינטער די בעלעמער.

די לעצטע צו כל נדרי קומען זיי אין שול
מיט אַלע ריחות פון די קראָמען; און צו נעילה
זיי מעסטן דורך די טרערן פון די ליכט און תפילה

די שויב : צי איז די זון אַריבער שוין איר גבול;
און ווען מען גייט זיך אָפּפּאַסטן — געלויבט זיין נאָמען,
די קרעמער האָבן לאַנג באַלויכטן שוין די קראָמען.

אֵליהו הנָביא

צי איך געדענק ! — איך בין געווען פון גאָט געשלאָגן,
פאַרפרעמדט, מיין אייגענער ברודער האָט מיך ניט דערקענט
און מיט זיין בלינדן האַרץ פון מיר זיך אָפּגעווענדט :
און אויך די האָפענונג — מיר עפּעס צוצוזאָגן —

האָט אויף איר גאָלדענעם וואָגן זיך פאַרבייגעטראָגן,
ווען איך האָב זי גערופן מיט פאַרשעמטע הענט;
און איך געדענק, ווי צו מיין שוועל האָט פרום גענענט
דער הויקער פון מיין גאַס ווי תמיד מיר צו זאָגן :

„גאָט העלף, מיין פריינט !" — אַ זיפץ טאָן פרום און נעלם ווערן
אינאיינעם מיט זיין הויקער. נאָר אין יענעם טאָג
האָט ער מיט פרייד אין קול געטאָן צו מיר אַ זאָג :

„ס'אַ זון איז היינט!... די זון — זי טרינקט אַלע טרערן."
און איך האָב דאָ דערזען אין הויקער זיך אַנטפּלעקן
דעם נביא אליהו מיט זיין באָרד און שטעקן.

שלאָף פון אַלטע לייט

גערבענטשטער מידער שלאָף פון אַלטע לייט,
קומסט ווי אַ רופא און דו שיכורסט איין
מיט שלאָפגעטראַנק פון עלטער ווי מיט ווײַן
דעם אַלטן קאָפּ אינמיטן טאָג. — און ווייט

פאַרגייט די וואָרע וואָר, וואָס שרייט פאַרשייט
מיט טויזנט מײַלער; און די זיסע פּיין
פון מידקייט רינט אין יעדן גליד אַריין:
און אַלע יאָרן שלאָפן בײַ דײַן זייט

אַרום דײַן שטול, אַרום דער ווייכער שײַן
פון טאָג. דאָס אויער הערט נאָר, ווי די צייט
אין זאָטל אויף איר אַלטער קליאַטשע רײַט:

די קלויען ציילן: „זײַן — און מער ניט זײַן."
ביז פאַר דײַן שטול די צייט האָט אָפּגעשטעלט
די ווייזערס אויפן זייגער פון דער וועלט.

IV

אויך דו...

דער מידער זאַטער זומער, ווען ער גרייט זיך שטאַרבן,
האָט יעדער גוטער באַלעבאָס אין צייט שוין לאַנג
אַראָפּגענומען פון זיין פעלד דעם פולן זאַנג,
וואָס וואַרעמט זיך אין שייער אין געקניפּטע גאַרבן;

אין קעלער איז שוין אויך דער עפּל מיט זיין האַרבן
און שאַרפן דופט. איצט שניידט ער וויינטרויב פון דעם שטאַנג —
די הענגלעך פול און שווער. באַלד לאָזט ער אינעם גאַנג
די ווינטמיל. נאָר אַ פולן, אין די געלע פאַרבן,

דעם קירבעס לאָזט ער ליגן לענגער אין זיין בייט
ביז פרעסטלעך: האַלטן פאַר דעם אויג דעם זומער לענגער
ביז שפּעטן האַרבסט, ביז האַרבע ווינטן בלאָזן שטרענגער,

און ווייסער ווינטער ווייזט זיך ביזן קני פאַרשנייט.
אויך דו — אַ טראָפּן פרייד פון דיינע יונגע יאָרן —
פאַרהאַלט אים אויף דער עלטער לענגער אין זכרון.

צום קינסטלער

גאָט מאַכט אַזעלכע וואונדערלעכע זאַכן,
און דו, דו זעסט ניט זיינע קלוגע הענט.
אין גדלות פון דיין קונסט ביסטו פאַרבלענדט
און פּרואווסט אַליין גאָטס זאַכן נאָכצומאַכן

אין קאַלטן ליים, אין פאַרב אויף טויטע פלאַכן,
אין קלאַנג, אין וואָרט, און טראַכסט: דו האָסט דערקענט
דעם סוד פון שאַפן, און האָסט אָפּגעווענדט
דיין אויג פון גאָט, ביז ער וועט אים פאַרמאַכן.

נו, ווייז און מאַך מיט וואָס דו ווילסט דעם שפּערל,
אָט ווי ער קוילערט זיך פון לערן רוים אַרויס
און מיט זיין פּיצל שנאָבל פּיקט ער אויס

פון נייען גראָז אַ פאַראַיאָריקן — אַ קערל;
און פּיקט אַ ווערימל אַרויס... איז אָט
מאַך אויך אַ וואָרעם ווערימל ווי גאָט.

צו מיין סאָנעט

ניט שעם זיך, מיין סאָנעט, מיט דיינע אַלטע גראַמען,
וואָס איך האָב אויף דער עלטער דיך אַ פּוסטעפּאַס
אַרויסגעפירט פאַרפּוצט אויף אונדזער ברייטער גאַס.
געדענק נאָר אונדזער יחוס, אַז מיר ביידע שטאַמען

פון ערלעכע, נאָר ניט רייכע טאַטע-מאַמען:
פון בלאַטיקער קאַבצאַנסק און „בערל מיטן באַס",
וואָס שלעפּט זיך מיט זיין קליאַטשע יידיש צום פּאַרנאַס,
זיין רום פון נאָך זיין טויט ביים לעבן ניט פאַרזאַמען.

אוודאי וואָלט איך דיך געקענט פאַרפּוצן שליפּיק
מיט נייע פלינקע גראַמען, וואָס פאַרבלענדן שטאַרק
קאַבצאַנסקע תמעוואַטע טענדלער אויפן מאַרק,

ווי יענע גראַמען-קינצלער פלעכטן אַזוי פּיפּיק. —
איז וויים: אַז יעדער נייער גראַם פון יענע קינצלער
קלינגט פאַלש, ווי די מטבע פונעם פאַלשן מינצלער.

פאַר מיין שוועל

די קאַץ האָט פאַר מיין שוועל די קעצלעך אָנגעזויגן.
די קעצלעך שלאָפן איין. די מאַמע הערט זיך־צו
צו זייער שלאָף, און אַ באַוואָרנטע אין רו,
זי האָט זיי פון די מיילכלעך נישט אַרויסגעצויגן

די פייכטע ניפּלען, און זי שליסט אין שלאָף די אויגן:
זי הערט נאָר מאַלעגיירען אויפן הויף די קו.
די זון שטייט פול און וואַרעם איבן ערגעץ וואו;
און אונטן — איז די ערד לייכט, לייכט אַרויפגעשטויגן

הויך צו דער זון און אויף איר אַקס געבליבן הענגען,
און פון איר שווערער ראָד דאָס דרייען אָפּגעשטעלט.
נאָר איך בין צו מיין שוועל מיט אומרו פון דער וועלט

אַן אָנגעלאָדענער געקומען אומרו ברענגען, —
און אויפגעוועקט די קעצלעך און די קאַץ... און ווידער
די ערד האָט אויף איר שווערער ראָד געדרייט די נידער.

דער קינסטלער

הייבסט אָן דיין שפּעטן טאָג, ווען אַלע רעדער
אינאיינעם מיט דער זונראָד זיינען לאַנג אין גאַנג,
און פייגל האָבן שוין פאַרענדיקט דאָס געזאַנג
צום נייעם טאָג און נישטערן אויף זייער פעדער

דאָס טעגלעך ברויט אין קילן שאָטן פון די סעדער;
און יעדער שכן דיינער שטייט געבוקט שוין לאַנג
אין שווייס פון שטערן מיט דער דלאָט און צוואַנג
צום זאַטן גאָט פון מי אין צוימען פון זיין גדר.

און ווען די רעדער מיט דער זונראָד מיד פאַרשטאַרבן —
פאַלט אויך דיין מידער פּענדזל פון דיין מייסטער־האַנט.
דיין אויג מעסט אָפּ די זעאונג, וואָס דו האָסט געאַנט

דעם טאָג, דעם לייוונט געבן מיט דער האַפט פון פאַרבן.
און ווי די רו פון אָוונט איז דיין האַרץ מיט רו.
דו וואַשסט דיין פּענדזל אויס און דעקסט דעם לייוונט צו.

דער הונט טאָם/א

1

מיין שכנס „טאָם", דער אַלטער הונט, דערשמעקט,
אַז איך בין אויפֿן הויף — און ווי אַ רייף
אָט יאָגט ער זיך צו מיר פֿון צווייטן הויף.
די אויערן פֿאַרשאַרצט, ער לויפֿט און שרעקט

די פֿייגל אינעם גראָז. אַרויסגעשטרעקט
די רויטע צונג, דער ווידל אין אַ שלייף
פֿאַרריסן, ער דרייט זיך ווי אַ שרויף
פֿאַר מיינע פֿיס און כאַפּט מיין האַנט און לעקט;

און וואַרט, די האַנט זאָל שענקען אים אַ גלעט.
„נו, נאַ... דו ברודער מיינער, אַלטער טאָם!
מיר זיינען אַלע דאָך פֿון זעלבן שטראָם

פֿאַרשוועבט אַהער ווי אויף אַ לעצטער ברעט...
און אַלע זוכן מיר אַ האַנט פֿון אייביק אָן,
וואָס זאָל אונדז ווען ניט ווען אַ צערטל טאָן."

דער הונט טאָם/ב

2

טאָם ליגט פאַר מיר. אויף זיינע לאַפּעס צוויי
זיין שמאָלע נאַסע צונג, און ווי אין לויער
צו כאַפּן פליגן, שפּיצט ער אָן אַן אויער
צו מיינע רייד: „רעד ווייטער, איך פאַרשטיי"...

איך ווייס... ווייל יעדן נפש טוט דאָך ווי
זיין עלנט: און ווי דו, מיט אַזאַ טרויער
אין דיינע אויגן, מיט אַ צונג אַ רויער
ווי דיינע, האַלט נאָך שטאָלץ זיין ווייגעשריי

אין שטומעניש. נאָר איך — מיט רייד אַ לאָד —
איך רייד פאַר אַלעמען און פאַר אונדז ביידן
דעם עלנט אַלעמענס אַרויסצוריידן.

און דריי זיך מיט די רייד ווי אין אַ ראָד
צו בילעניש, ווי דו, ווען די לבנה העלט —
און שטיי אַליין ביים אָפּגרונט פון דער וועלט.

איך האָב געזען דעם טויט

איך האָב געזען דעם טויט אין אלולדיקע ווינטן.
פאַרוואָר: ער איז ביי מיר אין גאָרטן דאָך געווען,
און איך האָב פון אַ זייט אין שרעק אַליין געזען,
ווי ער האָט פון זיין פאַלע זוימען טויט אויף קווינטן

געוואויגן אויף די הענט, ווי אויף אַ בעזעמען,
און מיט די ווינטן עס צעבלאָזן אין די שרינטן,
אין גרינעם גראָז און אויפן הויכן נאָך צעגרינטן
געזונטן טאָפּאָל. און ווי פון אַ הייסן ברען,

שטייט איצט דער טאָפּאָל אָנגעצונדן צונטער רויט.
זיין איטלעך בלאָט מיט הייסן קראַנקן קופּער פלאַקערט,
מיט טויט ביז דורכן מינדסטן אָדערל צעאַקערט,

און פאַלט אין שוים פון ערד — די שוועסטער פונעם טויט.
דאָס גראָז נאָר, וואָס איך שנייד און טרעט ווי אויף אַ דיל,
איז שטאַרקער פונעם טויט: עס גרינט ווי לאַנג עס וויל.

דו ווייסט נאַר ...

ביסט פול און זאַט מיט וואונדער ווי מיט ברויט,
און זאַט מיט טעג — אַ פולער טייך, וואָס פליסט
פאַרביי דיין אויג אַרום דער ערד און גיסט
מיט לויטער ליכט פון גאָטס נר־תמיד־קנויט.

געגערט פון אים פון וואָרצל ביזן צוויט
מיט כולו גנאָד ווי פון אַ מוטערס בריסט,
האָט ער באַשערט דיין סוף צו ווערן מיסט, —
אַ נעסט דעם בלינדן וואָרעם און דעם טויט.

זיין ווילן וועט דיין חכמה ניט פאַרשטיין.
דו ווייסט נאַר, אַז דו האָסט פאַרזוכט די פרייד
צו זען זיין ליכט — דעם פורפל פון זיין קלייד.

איז ווען זיין ליכט וועט פון דיין אויג פאַרגיין,
פאַרוואַרף דיין קאָפּ פאַר זיין געזאַלבטער זייל
און דאַנק, ביז ערד וועט צודעקן דיין מויל.

אין שפּיגל

ביסט ווייט. ביסט פרעמד. אין רגעם נאָר אין שפּיגל
דערזע איך דיך ביז גרויסן טרויער קלאָר
פון קין ביז צו די דורכגעגרויטע האָר.
און איך דערקען, אַז פונעם זעלבן טיגל

ביסטו אַרויס ווי איך; און אַז דער זעלבער זיגל
האָט קאַרבן צען — צען פולע שמיטות יאָר
פאַרקריצט אויף אונדזער שטערן; אַז די וואָר,
וואָס איז ניט וואָר, האָט אויף איר פליגל

דיך ווייט פון מיר פאַרטראָגן און אונדז ביידן
צעטיילט, פאַרפרעמדט, ווי אַלטע שונאים צוויי:
די לאַנגע שנאה, וואָס פאַרבינדט נאָך זיי

ביים קבר־שוועל אויך ניט אַראָפּצורײדן;
און פאַר דעם שפּיגל שטיי איך צוגעצויגן
און וואָג ניט קוקן גלייך זיך אין די אויגן.

V

חבֿרשאַפֿט

דיין נאָמען וועלקט פֿון דיין מצבֿה־שטיין.
דאָ האָבן פֿולע זיבן זומערס אויפֿגעגרינט
און אויסגעלאָשן זיך אין קילן ווינט.
אַ בערגל שטויב איז איצטער דיין געביין —

אַ הויקער אויף גאָטס ערד; און דאַר און קליין,
איז האַרבסטיק גראָז — דיין באָרד, פֿאַרשפּינט
מיט טויט. נאָר דער, וואָס האָט דיך ליב, געפֿינט
דעם וועג צו דיר. ווייל דער, וואָס האָט אַליין

מיט דיר געטרונקען פֿון דעם זעלבן וויין
פֿון חבֿרשאַפֿט און פֿון דער זעלבער גלאָז,
דער קומט דאָך אַ געטרייער ווי אַמאָל

צו דיר, צו הערן נאָכאַמאָל דיין קול.
און דו, דו רעדסט — און יענער האָרכט זיך איין —
און רעדן רעדסטו רייד ווי גראָז צו גראָז.

שפּערלען

מיט ווינטער אין די ביינער און מיט שניי דער קאָפּ, —
מיט אומעטיקע אויגן, מידע און געטרייע,
באַגרים איך ליב ווי פריינט די שפּערלען — די חבריה,
וואָס קומען שוין אין אדר אויף מיין הויף אַראָפּ.

זיי קומען אין אַ ברייטער טומלדיקער סטאַיע
מיט צוויטשערייען, און צעשיטן זיך האָפּ־האָפּ,
ווי זערנעס אויפן שניי, וואָס רינט אין טראָפּנס אָפּ, —
און רופן, צוויטשערן און פליען ווייטער פרייע.

איך קוק זיי נאָך פאַרבענקט און וועק מיין האַרץ און מינטער:
— אָט זיינען זיי, די פריינט, וואָס האָבן אין מיין ראָד
געטומלט, ווי די שפּערלען אין אַ קאַראַהאָד,

און האָבן ניט דערלעבט מיט מיר די פרייד פון ווינטער:
זיי זיינען זומערצייט אַוועק נאָך פאַרן שניט,
די פרייד פון זייער זומער האָט זיי ניט פאַרהיט.

אַ וואונד

אַ שרעק, וואָס האָט קיין נאָמען ניט, האָט מיך דערוווייטערט
פון טומלדיקע לייט. פאַרדרייט אין זייער קרייז,
ווי אָפּט פאַרמינער איך אַליין מיין שטאָלץ און פרייז! —
ווייל וואָס די יאָרן האָבן אין מיין האַרץ געליטערט,

דאָס שטאָמל איך פאַר זיי וואוילינגליש, אויפגעהייטערט,
וואָס פּאַסט גאָר ניט פאַר מיר, אָן אַלטן גרויען גרייז.
זיי שמייכלען. און איך כאַפּ זיך שפּעט, אַז איך באַווייז
מיין וואונד, וואָס איך באַהאַלט — אַ וואונד, וואָס אייטערט.

איז בעסער שוין פאַרקריכן אין אַ העק און ווייכן
זיי מיטן טומל זייערן, און אויף מיין שטילן ראָג
אַ שכן צושמייכלען: „גאָט העלף!“, „אַ גוטן טאָג!“,

און גיין מיין וועג און זיין מיט גראָז ווי מיט אַ גלייכן;
און לערנען חכמה פון דעם גראָז, וואָס שווייגט און גרינט
און האָרבעט זיך נאָר אונטער טומלדיקן ווינט.

העלף אונדז, גאָט!

גאָטס טאָג פאַרטומלען מיר מיט ריידעריי.
(אָ, העלף אונדז, גאָט, פאַרטומלען אונדזער טרויער!)
ווייל ס'גרייכן ניט צו אונדזער אויג און אויער
די וואונדער, וואָס זיי שמייכלען אונדז געטריי,

און גייען ווי די רגעס אָפּ פאַרביי
און שטאַרבן ניט־דערקענטע אין דער רויער
פאַרגעסעניש אויף יענער זייט גאָטס טויער
אין טויט פון טאָג. אָ, גאָט, רעכטפאַרטיק זיי

און גיב אונדז נאַכט, און גיב אונדז שטומען שווייגן
צו אונדזער צונג — פון שלאָף דיין גוטע שטראָף,
אַז פונעם האַרץ, פון טיפעניש פון שלאָף

דאָס זיפצעריי זאָל צו דיין טויער שטייגן:
דאָס זיפצעריי — דאָס איז דאָך אונדזער קלאָג
אויף טויטע וואונדער פון דיין יעדן טאָג.

איין גורל

איין גורל וואַרט אויף אַלעמען: צו שטאַרבן.
און דו פאַרשעמסט און לייקנסט טראָציק אָפּ
די פלעקן זילבער אויף דיין אַלטן קאָפּ
און אויף דיין שטערן דיינע קנייטשן־קאַרבן,

ווייל גאווה רייסט זיך פון דיין ענגן שאַרבן,
ווי פון דער שטאַל דער אָגער אין גאַלאָפּ
אין צייט פון ביאה, ווען דער רייפער קראָפּ
פאַרשמעקט דעם האַרבסט מיט ריחות פון די גאַרבן.

פאַרגעסט, אַז וואָס די יונגע כוחות שענקען —
דאָס האָט די קלוגע עלטער ניט. דערפאַר
פאַרגרייט זי אונדז די פולע מאָס פון שכר

צו וויסן צער און ניכטערן געדענקען,
די פרייד פון ריינע אָפּגעשיינטע טעג —
די ציר פון ווערדע אויף דיין לעצטן וועג.

דער געוויסן

אַט איז די גוטע נאַכט, וואָס וואַרעמט אַלע זינד.
און דאָ איז ער מיט האַרטן מוסר — מיין געוויסן.
אַ וואַכער תמיד, קומט ער וועקן פון מיין זיסן
און אַלטן האַלבן שלאָף. ער וועקט, ווען קינד און רינד

און פייגל, בלאַט און גרעזל ליגן שטאָק און בלינד
פון שלאָף. ער וועקט און וואַרפט מיר אויף פאַרביסן:
„דו שלאָפסט... און דאָרטן האָט אַ ווילדער וואָלף צעריסן
דיין סטאַדע יונגע טעג — דאָס פריילעכע געזינד...

איך האָב די נאַכט פאַרנומען זייער טויט־געשריי,
אַ כאָרכלעריי, פון ציין דאָס אימהדיקע רייסן! —
אָן ליגן נאָך די ביינער וואַרעמע און ווייסע,

און זאַטיק נאָך דער וואָלף באַלעקט זיך איבער זיי..."
— אַ, מוסרניק! דו האָסט דאָך זיי פאַרצוקט אַליין! —
אַט רינט נאָך פון די טעג דאָס בלוט אויף דיינע ציין!

אויף וועמען ?

אָ, פריינט! ווען איך וועל פון דער וועלט פאַרגיין
מיט שאָטנס פונעם טויט אויף מיינע ברעמען,
וועל איך די גאַנצע וועלט מיט זיך פאַרנעמען
אין קבר אונטער מיין מצבה־שטיין.

איך וועל זי מיט די שטאַרע טויטע ציין
מיט איר פאַרטרערטער ערד פאַרקלעמען
אינאיינעם מיט די נאָנטע ליבע נעמען,
ווי אַ געשטראָפטער קיינעמס הונט זיין ביין.

וואָדען? — צו איבערלאָזן זי אַליין,
אָן מיר? — צו איבערלאָזן זי — אויף וועמען?
די זון וועט דאָך אָן מיר אין טעג זיך שעמען

איר פייער צינדן און אין נעכט צעגיין;
און ווינטן וועלן מער דאָס גראָז ניט קעמען
און אָן אָטעם אייביק בלייבן שטיין.

ווי זיין געשאַנק

זיין גוטע ברייטע האַנט, וואָס קייקלט די מזלות
אין זייער ברייטן קרייז און קרימט ניט זייער שטעג, —
טיילט אַלע לעבעדיקע זייער חלק טעג
פון זיינע אויסגעשפּרייטע רחבותדיקע פּאַלעס:

אַזויפיל טעג אין צאָל די פי אין די סטאַדאָלעס,
אַזויפיל די אין וואַלד, די חיות אין געיעג;
אַזויפיל די בני־אדם — שטרויכלער אויף זיין וועג.
אַזוי ווערט דאָך געזאָגט אין ספר הגורלות.

אויך מיר אין פליש און בלוט האָט ער מיין פולן חלק
מיר צוגעטיילט אין צאָל. און איך בין פול און זאַט
מיט טעג, ווי זומער מיט זיין זאַפט דער פולער בלאַט;

און יעדן נייעם טאָג, וואָס קומט, באַגריס איך הייליק,
ווי זיין געשאַנק; און ווי מיין ערשטער טאָג אין פיין,
וועט אויך מיין לעצטער פון זיין האַנט באַצייכנט זיין.

שטויב צו שטויב

איך בין מיין לאַנגן לעבן דורכגעגאַנגען
דורך אַלע וועגן גאָטס: דעםברייטן וועג
פון חכמה פשוטער פון אַלע טעג;
דעם וועג פון הויכן אַנען צו דערלאַנגען

די יענע זייט — דעם וועג וואָס האַלט געפאַנגען
די אויגן פון דער וועלט אויף יענעם ברעג
פון זאַכן; אויך דעם שטרויכלענדיקן שטעג
צו זיך, וואָס ליגט אין בלינדעניש פאַרהאַנגען.

איצט שטיי איך אויפן וועג, וואו אַלע וועגן
פאַרשליסן זיך. דער וועג איז קורץ און שמאָל.
ער פירט מיך צו דער נידער פונעם טאָל.

דאָ שמייכלט מיר אַן אייביקע אַנטקעגן
די רו. און אַלע חכמות — דריב און דרויב,
איך טרייסל אָפּ פון זיך ווי שטויב צו שטויב.

די זון איז גוט...

די זון איז גוט צו אַלעמען. זי לייכט פֿאַר קינדער
אין גאַס; אויף שוועלן פֿאַר די מידע אַלטע לייט;
פֿאַר וואָגלער אויפֿן וועג, וואָס מעסטן זייער ווייט;
פֿאַר זאַנגען אויפֿן פֿעלד און פֿאַר די שטומע רינדער.

זי איז אַפֿילו גוט צו וועלף, צו אונטערצינדער
און זונות, וואָס זיי קומען מיט דער נאַכט פֿאַרשייט,
ווייל דעמאָלט קערט די זון זיך אָפּ צו מערבֿ־זייט,
און גיט די וועלט אַוועק דער נאַכט מיט אירע זינדער.

די זון איז גוט צו אַלעמען. זי לייכט דאָך אויך
אין צוימען פֿון בית עלמינס איבער טויטע קבֿרים:
דאָס לייכט זי פֿאַר דעם גרעזל און דעם בלינדן וואָרעם

צו הייבן זיי פֿון טויט — פֿון זיין צעווירטן בויך:
מסתּמא אונדז אין טרייסט גאָטס אַלטן צייכן געבן,
אַז אויך פֿון טויט אַרויס שפּראָצט לעבעדיקע לעבן.

צוויי פאק-סימיליעס

געבענטשט...

סונעט

געבענטשט זאל זיין די ערד פון וועלכער מיינע טריט
און וועקט מיר די זון וואס צייכנט מיינע טעג,
די ווינטן אין די רוימען וואס זינגען צו די ליד
נאר די האריזאנטן מיך ווי גרויס אויף דיין וועג.

די קוואל וואס זיי וואסן אויף דער הייסער צייט,
די וועלדער, שטאמער, וואס זיך פיל צו מיט,
די פייגל, וואס זיי רופן צו מיין גרויסן ברכה
אויף נאך זייער הויכן פליגל מיין געמיט.

געבענטשט, געבענטשטן! נאר טויזנט מאל געבענטשט זאל זיין
פון מיין געבוירן ווען יעדע ערשטע טעג,
ווען איך האב אלץ וואנדערט אויף דער וועלט קענען
אויך דאמאל די אין פיין ווען וואנדערן זיי ווען טרייג.

~~[illegible]~~
צו לייגן זיי בוים נער, ווען די פיין שלומערט איין
נאר גליקלעכער ווי איך וואס וועלן קומען ווען.

גוסטאַווס וועגן

סאָנעט

איך בין מײַן לעבן לאַנג דורכגעוואַנדערן
דורך אַלע וועגן גוסטאַווס: דעם ברייטן וועג
פֿון חכמה, סטעזשקעס פֿון אַלע טעג;
דעם וועג פֿון קליינע אינזלען, צו דערלאַנגען
די צייט
די ענגע צײַט — דעם וועג וואָס האָט געטראָגן
די אויגן פֿון דעם וואַלד, וואָלף ענגע ברעג
פֿון זאַמען; וועג דעם שטרויכלענדיקן שטעג
צו זיך, וואָס ליגט אין קלינגענדיש פֿאַרבאָרגן.

איצט שטיי איך אויפֿן וועג, וואו אַלע וועגן
פֿאַרשליסן זיך. דער וועג איז קורץ און שמאָל.
עס פֿירט מיך צו דער לעצטער פֿינצטער טאָל.
דאָרט שטײַגט מיר אין אײַביקער אַנטקעגן

די כלי פֿון אַלע חכמות — דורך און ברויב,
איך טרייסט אים פֿון זיך ווי שטויב צו שטויב.

אינהאלט

I

פון מיין היגל . . . . זייט 11
ווערטער 12
דער פּיטן 13
זיי... 14
צו וועמען? 15
גיטל 16
זיי לאַכן 17
איסטסט בראָדוויי 18
געבענטשט 19
אויפשריפט אויף מיין מצבה 20

II

טעלערלעך פון הימל 23
ביים ים 24
ביים שוועל פון גליק 25
פרעמדע 26
א פלוים 27
די קיך 28
דער טאָפּאָלבוים 29
אין נעכט פון פאַלשן שלאָף 30
דער טויט 31
ווען עפּל פאַלן 32

III

אין זיין גנאָד 35
א זון אין גאנצן מיינע 36
אין לויטערקייט פון טאָג 37
מיין מסורה 38
גאָטס עדות 39

צום גויאישן פּאָעט 40
ריחות 41
קרעמער 42
אליהו הנביא 43
שלאָף פון אַלטע לייט 44

IV

אויך דו... 47
צום קינסטלער 48
צו מיין סאָנעט 49
פאַר מיין שוועל 50
דער קינסטלער 51
דער הונט טאָם א) 52
דער הונט טאָם ב) 53
איך האָב געזען 54
דו ווייסט נאָר... 55
אין שפּיגל 56

V

חברשאַפט 59
שפּערלען 60
אַ וואונד 61
העלף אונדז גאָט 62
איין גורל 63
דער געוויסן 64
אויף וועמען ? 65
ווי זיין געשאַנק 66
שטויב צו שטויב 67
די זון איז גוט 68

פאַרענדיקט דעם דרוק דעם ערשטן
יוני איין טויזנט ניין הונדערט צוויי
און זעכציק אין דער דרוקעריי פון
יוסף שעכטער אין פּאַריז. געדרוקט
נפתלי מילנער